NEW YORK STATE | Department of Health

# וואס איז פאליעטיוו קעיר?

**פעליעטיוו קעיר (Palliative care) איז געאייגנט פאר פאציענטן אין סיי וועלכע שטאפל פון קראנקהייט. עס איז געאייגנט אייך צו האלטן ארויס פון די שפיטאל און עמערדשענסי אפטיילונג. פעליעטיוו קעיר געבט זיך אפ מיט אייער ווייטאג אדער מיט די סימפטאמען וואס קומען מיט ערנסטע אדער כראנישע (לאנג-אנהאלטנדע) קראנקהייטן. אייער העלט קעיר פראוויידער און טיעם פון ספעציאליסטן טוען ארבעטן צוזאמען צו צושטעלן די בעסטע קוואליטעט קעיר פאר אייך און פאר אייער פאמיליע.**

## ווען איז פעליעטיוו קעיר געאייגנט פאר מיר?

- מוטשעט איר זיך מיט א נייע דיאגנאוז?
- זענט איר לעצטנס געווען אין שפיטאל?
- באזוכט איר אפט די עמערדשענסי אפטיילונג?
- ליידט איר פון ווייטאג, אנגעצויגנקייט, אדער אנדערע סימפטאמען צוליב א כראנישע קראנקהייט?
- באקומט איר באהאנדלונג אייך אויסצוהיילן?

***אויב איר האט געענטפערט <u>יא</u> צו איינע פון די פראגעס, איז פעליעטיוו קעיר געאייגנט פאר אייך!***

## ווער באצאלט פאר פעליעטיוו קעיר?

פעליעטיוו קעיר איז א מעדיצינישע ספעציאליטעט. עס ווערט געדעקט דורך געוויסע אינשורענס פלענער, אריינגערעכנט Medicare.

## וואו וועל איך באקומען פעליעטיוו קעיר?

איר קענט באקומען פעליעטיוו קעיר סיי וואו איר האלט זיך יעצט אויף--אין אייער היים, די שפיטאל, געוויסע אוט-פעישענט קליניקס, אדער אין א פאסיליטי.

## וויאזוי קען איך באקומען פעליעטיוו קעיר?

<u>בעטס</u>! יעדער איינער קען בעטן פאר פעליעטיוו קעיר. דאס רעכנט אריין אייך (די פאציענט), אייער העלט קעיר פראוויידער, פריינט, א פאמיליע מיטגליד, אדער א סאושעל סערוויסעס אגענטור.

**פעליעטיוו קעיר** | אין פארגלייך | **האספיס קעיר**

# לערנט די חילוקים צווישן פעליעטיוו קעיר און האספיס קעיר (Hospice Care).

| פעליעטיוו קעיר | האספיס קעיר |
| --- | --- |
| פאדערט נישט קיין שטערבליכע דיאגנאז: פאציענט האט ערנסטע אדער כראנישע קראנקהייט(ן) | שטערבליכע דיאגנאז מיט א שאצונג פון 6 חדשים צו לעבן אדער ווייניגער: עס ווערט פארגעשאצט אז די פאציענט וועט לעבן נאך 6 חדשים אדער ווייניגער |
| כראנישע קראנקהייט מענעדשמענט | ענדע-פונעם-לעבן קעיר |
| פארזעצן באהאנדלונג צו אויסהיילן | אפשטעלן באהאנדלונג צו אויסהיילן |

**צענטער פאר האספיס און פעליעטיוו קעיר**
**(Center for Hospice & Palliative Care)**
**אפיס פון זיך עלטערן און לאנג טערמיניגע קעיר**
**(Office of Aging and Long-Term Care)**
**אימעיל:** CHPC@health.ny.gov
**טעלעפאן:** (518) 807-7848

health.ny.gov/hospice

NEW YORK STATE | Department of Health